בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
קס"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת מטות מסעי
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - גֶעטְרוֹיעֶן יֶעדֶעס קִינְד -

#### נִישְׁט מַאכְן קַיין אוֹיסְנַאם צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער

טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים, מֶען זֶעט אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב (בְּרֵאשִׁית לז) אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זַייעֶר לִיבּ גֶעהַאט זַיין זוּן יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶענֵייט אַ שֵׁיינֶעם זַיידֶענֶעם הֶעמְדְל. דִי בְּרִידֶער הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען אַז דֶער טַאטֶע הָאט אִים מֶער לִיבּ פוּן יֶעדְן, הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּיינְט הָאבְּן, בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פַארְקוֹיפְט קַיין מִצְרַיִם.

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער לִימּוּד פַאר מְחַנְּכִים, אוּן פַאר עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען דִי מְחַנְּכִים פוּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים. מֶען זֶעט דָא וִוי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ מַאכְן אַן אוֹיסְנַאם פוּן אֵיין קִינְד מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע.

אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת י:): **"לְעוֹלָם אַל יְשַׁנֶּה אָדָם בְּנוֹ בֵּין הַבָּנִים"**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם חִילוּק צְוִוישְׁן זַיינֶע קִינְדֶער, **"שֶׁבִּשְׁבִיל מִשְׁקַל שְׁנֵי סְלָעִים מֵילָת שֶׁנָּתַן יַעֲקֹב לְיוֹסֵף יוֹתֵר מִשְּׁאָר בָּנָיו"**, וַוייל בְּלוֹיז צוּלִיבּ אַ זַיידֶענֶעם הֶעמְדְל וָואס אִיז גֶעוֶוען וֶוערְד צְוֵויי סְלָעִים, וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר יוֹסֵף מֶער וִוי פַאר דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, **"נִתְקַנְּאוּ בּוֹ אֶחָיו וְנִתְגַּלְגֵּל הַדָּבָר וְיָרְדוּ אֲבוֹתֵינוּ לְמִצְרַיִם"**, הָאבְּן דִי בְּרִידֶער אִים מְקַנֵּא גֶעוֶוען, אוּן דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דַארְפְן אַרָאפְּנִידֶערְן קַיין מִצְרַיִם.

#### אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין מְיֻחָסִים

אִין יֶעדֶע כִּתָּה זֶענֶען דָא גֶעוִויסֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען בַּא'חֵנְ'ט; זֵיי הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע אוּן לוּפְטִיגֶע נַאטוּר, מֶען דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער מִיט זֵיי, וָואס מֶען וִויל - כַאפְּן זֵיי גְלַייךְ, זֵיי קוּמֶען מִיט אוּן טוּעֶן אַלֶעס וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט. דֶערְנָאךְ זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט דֶעם חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט אַ נַאטוּר אַז מֶען וִויל עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט חֵן וִוי מִיט אֵיינֶעם אָן חֵן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶער סִימָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיטְן מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס אִיז פָּשׁוּט דֶער נַאטוּר. אוֹיבּ עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הַאנְט עֶפֶּעס צוּ פְרֶעגְן, וֶועט מֶען זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ בַּאצִיעֶן צוּם בַּא'חֵנְ'טְן קִינְד אוּן אִים פְרֶעגְן: **"וָואס ווִילְסְטוּ פְרֶעגְן?"**

דֶערְפַאר קֶען פַּאסִירְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט כַאפְּן אוּן דִי בַּא'חֵנְ'טֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן דִי 'מְיֻחָסִים', בְּשַׁעַת דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער ווִילְן אוֹיךְ זַיין פוּן דִי מְיֻחָסִים, נָאר זֵיי ווֵייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס צוּ מַאכְן. זֵייעֶר נַאטוּר לָאזְט זֵיי נִישְׁט וֶוערְן בַּאלִיבְּט; זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ קוּמֶען נָאנְט צוּם מְחַנֵּךְ כְּדֵי מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי, אָבֶער אַנְשְׁטָאט דֶעם שְׁטוּפְּט מֶען זֵיי אַוֶועק אוּן מֶען מַאכְט זֵיי שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען 'קְלֶעבֶּעדִיגֶע' קִינְדֶער וָואס שְׁטוּפְּן זִיךְ אִיבֶּעראל אַרַיין אוּן מַאכְן נֶערְוֶועז דֶעם מְחַנֵּךְ.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ, טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים: מֶען דַארְף אוֹיפְנֵייעֶן פַאר יֶעדְן קִינְד אַ זַיידֶענֶעם הֶעמְדְל. מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם חִילוּק צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג, אוּן אַלֶע זָאלְן זַיין מְיֻחָסִים.

#### אֵיין בַּקָּשָׁה אַלְס מְלַמֵּד

יָארְן צוּרִיק, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, הָאט מַיין טַאטֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק - מִיךְ אַרַיינְגֶערוּפְן אִין אַ צִימֶער אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי פָאלְגְנְדֶע וֶוערְטֶער:

**"יוֹאלִ'יְשׁ [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א], הֶער גוּט צוּ וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר; אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר אֵיין בַּקָּשָׁה אַלְס מְלַמֵּד. דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז דָאס הַארְץ צִיט שְׁטֶערְקֶער צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז בַּא'חֵנְ'ט, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: מַאךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם אוֹיסְנַאם אִין כִּתָּה. וֶוען קִינְדֶער הֵייבְּן אוֹיף דִי הַאנְט עֶפֶּעס צוּ פְרֶעגְן, זָאלְסְטוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֶעגְן וָואס עֶר וִויל, אוּן וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אָן שְׁפֶּעט, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאצִיעֶן צוּ אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג.**

**מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק, אַז דֶעם קִינְד וָואס הָאט דֶעם חֵן-גְרִיבְּל אוֹיף זַיינֶע בֶּעקֶעלֶעךְ וֶועסְטוּ פְרֶעגְן מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט: 'פַארְוָואס בִּיסְטוּ יֶעצְט גֶעקוּמֶען?' אוּן אוֹיסְהֶערְן זַיין עֶנְטְפֶער מִיט אִינְטֶערֶעסֶע, צִי עֶר הָאט נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה אָדֶער זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער; אוּן דֶעם קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט קַיין חֵן אוּן עֶס רִינְט אִים וִוי 'לֶעכְטֶעלֶעךְ' פוּן דִי נָאז, וֶועסְטוּ פְרֶעגְן מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגְן פָּנִים: 'וָואס אִיז דָאס יֶעצְט קוּמֶען?! זֶעץ דִיךְ אַרָאפּ!' אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאךְ אִינְזִין הָאבְּן אַז מֶען מֵיינְט דָא פָּשׁוּט 'לְשֵׁם שָׁמַיִם' פַארְן חִינוּךְ פוּנֶעם קִינְד..."**

#### דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט

מְחַנְּכִים דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן אַז מֶען הָאט זֵיי בֶּאֱמֶת לִיבּ.

אוֹיבּ מֶען וֶועט פְרֶעגְן אַ קִינְד: **"וֶוער אִיז דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד אִין דַיין כִּתָּה?"** זָאל דָאס קִינְד קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן: **"מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ"**, אָדֶער **"מַיין לֶערֶערִין הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ" - "אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נִישְׁט יֶעדֶע סָארְט מַעֲלָה וָואס גֶעוִויסֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְרוֹימֶען דִי כִּתָּה, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזַא שֵׁיינֶער בַּעַל**

**תְּפִלָּה; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען בֶּעסֶערֶע בַּעֲלֵי תְּפִלּוֹת אוּן הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע חִתּוּךְ הַדִּבּוּר פוּן מִיר, אוֹיךְ זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן דִי גְמָרָא בֶּעסֶער פוּן מִיר - אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאלִיבְּט אוּן מֶען הָאט צוּטְרוֹי אִין מִיר".**

## אַ קִינְד מוּז שְׁפִּירְן צוּטְרוֹי

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, קִינְדֶער הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ 'דְרַיי מֶענְטְשְׁן' פוּן וֶועמֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע וֶועלְט בַּאשְׁטֵייט. אוֹיבּ מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דִי עֶלְטֶערְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, הָאט מֶען אַ טַאטֶע, אַ מַאמֶע, אוּן אַ מְלַמֵּד. בַּיי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען דָאס פִיר מֶענְטְשְׁן, וִויבַּאלְד אִין דִי שׁוּלֶעס זֶענֶען דָא צְוֵויי לֶערֶערִינְס פַאר יֶעדֶע כִּתָּה.

אַ קִינְד מוּז שְׁפִּירְן אַז אַלֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן גֶעטְרוֹיעֶן אִים; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר אַ קִינְד. אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי מְחַנְּכִים גֶעטְרוֹיעֶן דָאס קִינְד, קֶען דָאס קִינְד מַצְלִיחַ זַיין; אוֹיבּ אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין צוּטְרוֹי אִין אִים, קֶען דָאס קִינְד נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד; מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן אוּן גֶעטְרוֹיעֶן אַלֶע קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיסְוֶועלְן בְּלוֹיז אֵיין קִינְד אִים צוּ גֶעטְרוֹיעֶן. וִוי מֶען זֶעט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט יוֹסֵף מֶער פוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶעם זַיידֶענֶעם הֶעמְדְל, וִוי מֶען זִינְגְט מִיט דִי קִינְדֶער: **"אַ גְלַאנְצִיגֶע, אַ שֵׁיינֶע, הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעמַאכְט פַאר זַיין טֵייעֶרֶע הֶערְצֶעלֶע, זַיין יוֹסֵף, וַוייל עֶר הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט"** - אַז דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה.

## אָנְהַאלְטְן דִי צוּטְרוֹי נָאךְ אַ גְנֵיבָה

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע "בֵּית פֵיגָא". אַ מַאמֶע הָאט אָנְגֶערוּפְן אַ לֶערֶערִין אַז אִיר נַיין יֶערִיג טָאכְטֶער קוּמְט יֶעדְן טָאג אַהֵיים וֵויינֶענְדִיג, וַוייל אֵיינֶער נֶעמְט אַרוֹיס אִיר נַאשׁ פוּן אִיר טַאשְׁקֶע. דִי לֶערֶערִין הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת. דִי מְנַהֶלֶת אִיז גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אוֹיף דִי אוֹיגֶעלֶעךְ (קַאמֶערֶעס) וָואס כַאפְּן אָפּ אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי כִּיתּוֹת, אוּן זִי הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי אֵיין קִינְד גֵייט צוּ צוּ יֶענֶע מֵיידְל'ס טַאשְׁקֶע אוּן נֶעמְט אַרוֹיס דִי נַאשׁ.

דִי מְנַהֶלֶת הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן פַאר דִי לֶערֶערִין אַז זִי וֵוייסְט וֶוער עֶס הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט. זִי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז כְּדֵי אַ מְחַנֶּכֶת זָאל קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, מוּזְן זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק הַאלְטְן פוּן דִי קִינְדֶער אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט אָנְקוּקְן וִוי אַ גַנָּב אָדֶער אַ שַׁקְרָן. אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין וֶועט גֶעוואוֹיר וֶוערְן אוֹיף דֶעם קִינְד אַז זִי גַנְבְ'עט, וֶועט זִי אִיר פוּן יֶעצְט בִּיז סוֹף יָאר שׁוֹין אָנְקוּקְן וִוי אַ גַנָּב'טֶע אוּן מֶער נִישְׁט הַאלְטְן פוּן אִיר. דֶערְפַאר הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר דִי לֶערֶערִין: **"אִיךְ וֶועל זֶען וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער עֶר זָאל נָאכְקוּקְן וֶוער עֶס אִיז...".**

דֶער חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֶׂה פַאר זִיךְ אִיז שׁוֹין אַ וִויכְטִיגֶער לִימוּד וָואס קֶען זֵייעֶר צוּנִיץ קוּמֶען פַאר אַ מְנַהֵל אוּן אַ מְנַהֶלֶת, אַז נִישְׁט אֵייבִּיג דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן שְׁלֶעכְטֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע פַאר אַ מְחַנֵּךְ אוֹיף זֵייעֶר תַּלְמִיד אָדֶער תַּלְמִידָה.

לָאמִיר גֵיין צוּם צְוֵייטְן חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֶׂה. דִי מְנַהֶלֶת הָאט גֶערוּפְן דָאס קִינְד צוּ זִיךְ אִין אָפִיס אוּן אִיר אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט שֵׁיינֶערְהֵייט: **"עֶפֶּעס אַ קִינְד רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז אֵיינֶער פוּן דִי כִּתָּה נֶעמְט אַרוֹיס נַאשׁ פוּן אִיר טַאשְׁקֶע, דוּ הָאסְט עֶס גֶעטוּן?"** אוּן דָאס קִינְד הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"נֵיין"**.

אַזוֹי וִוי דִי מְנַהֶלֶת הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן פַארְן קִינְד אַז זִי הָאט אַלֵיין גֶעזֶען אוֹיף דִי קַאמֶערֶעס וִוי זִי גַנְבְ'עט - וַוייל דֶעמָאלְט קוּמְט אוֹיס אַז זִי אִיז סֵיי אַ גַנָּב אוּן סֵיי אַ לִיגְנֶער - הָאט זִי אִיר דֶערִיבֶּער גֶעזָאגְט: **"זֵייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶע'גַנְבְ'עט, דוּ בִּיסְט אַ וואוֹיל קִינְד; אִיךְ וֵויס נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען. אִיךְ טְרַאכְט נָאךְ צִי אִיךְ זָאל גֵיין פְרֶעגְן דֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶענוּמֶען. אִיךְ וִויל דִיר נָאר זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג, קֶען מֶען אַלְץ קוּמֶען בֶּעטְן אִין אָפִיס נַאשׁ צוּ עֶסְן. גֵיי צוּרִיק אִין כִּתָּה"**. דֶערְנָאךְ אִיז דִי מְנַהֶלֶת אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן גֶערֶעדְט צוּ אַלֶע קִינְדֶער בִּכְלָלִיּוּת וֶועגְן דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן גַנְבְ'עֶנֶען.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה, וַוייל מִיט דֶעם הָאט דִי מְנַהֶלֶת אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט אַ קִינְד פוּן וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט, וָואס דָאס וָואלְט גֶעקֶענְט צוּבְּרֶענְגֶען אַז דָאס קִינְד זָאל פַארְלִירְן דֶעם ווִילְן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וואוֹיל, וִויבַּאלְד זִי שְׁפִּירְט אַז זִי אִיז שׁוֹין סֵיי וִוי דָאס 'שְׁלֶעכְטֶע קִינְד' פוּן דִי כִּתָּה.

אַוַודַאי קֶען זִיךְ מַאכְן אַז אַ קִינְד זָאל זַיין גֶענוּג קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין נָאךְ אַזַא שְׁמוּעֶס מִיט דִי מְנַהֶלֶת אַז בֶּאֱמֶת וֵוייסְט מֶען יָא אַז זִי הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'עֶט, אָבֶּער דָאךְ, וִוילַאנְג מֶען זָאגְט נִישְׁט אָפְן פַאר אַ קִינְד אַז מֶען וֵוייסְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִיר, שְׁפִּירְט נִישְׁט דָאס קִינְד אַז מֶען גֶעטְרוֹיעֶט אִיר נִישְׁט.

## יֶעדֶעס קִינְד זָאל הָאבְּן אַן אוֹיפְגַאבֶּע

דִי עֲבוֹדָה פוּן אַ מְחַנֵּךְ אִיז צוּ טְרֶעפְן פַאר יֶעדְן קִינְד אַ פַּאסִיגֶע אוֹיפְגַאבֶּע וָואס עֶר טוֹיגְט דֶערְצוּ אוּן קֶען עֶס גוּט דוּרְכְפִירְן, אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין דָאס צוּ טוּן, כְּדֵי יֶעדֶעס קִינְד זָאל בֶּאֱמֶת שְׁפִּירְן אַז מֶען גֶעטְרוֹיעֶט אִים.

מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְוֶועלְן פוּן דִי כִּתָּה בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער אַז נָאר זֵיי זָאלְן טוּן אַלֶע אוֹיפְגַאבֶּעס; מֶען דַארְף אַיינְטֵיילְן דִי אַרְבֶּעט צְוִוישְׁן אַלֶע קִינְדֶער.

אַ קִינְד וָואס קֶען צוּגֵיין צוּם עָמוּד, זָאל מֶען כְּסֵדֶר צוּשִׁיקְן דַאוֶונֶען פַארְן עָמוּד; אַ קִינְד וָואס קֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיים טֵיילְן מִילְךְ אַז עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגִיסְן, זָאל מֶען מְכַבֵּד זַיין אוֹיסְצוּטֵיילְן דִי מִילְךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. מֶען דַארְף טְרֶעפְן פַאר יֶעדְן קִינְד עֶפֶּעס אַן אוֹיפְגַאבֶּע וָואס עֶר טוֹיגְט דֶערְפַאר.

## זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער - אָן פְרֶעגְן

מְחַנְּכִים דַארְפְן וִויסְן: וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַ קִינְד צִי עֶר הָאט גֶעטוּן אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף טוּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הָאט עֶס בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעטוּן, וֶועט דֶער עֶנְטְפֶער בְּדֶרֶךְ כְּלַל גְלַייךְ זַיין: **"יָא!"** וַוייל קִינְדֶער הָאבְּן אַן אִינֶערְלִיכֶע פַּחַד פוּן דֶעם וָואס עֶס וַוארְט זֵיי אָפּ אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן עֶנְטְפֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעטוּן.

אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעזֶען בַּיי בָּחוּרִים, אוּן יֶעדֶער מַגִּיד שִׁיעוּר קֶען דָאס זֶען בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים. לְמָשָׁל: אוֹיבּ אַ בָּחוּר קוּמְט אַרַיין צְוֶועלְף אַזֵייגֶער אִין יְשִׁיבָה אוּן מֶען אִיז זִיכֶער אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט - וַוייל מֶען זֶעט נָאךְ אוֹיף זַיין פָּנִים אַז עֶר אִיז קוֹים אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן זַיין תְּפִילִין אִיז דָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אִיבֶּערְנַאכְט אִין יְשִׁיבָה - אוֹיבּ וֶועט מֶען אִים פְרֶעגְן: **"הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעדַאוֶוענְט?"** וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ גְלַייךְ עֶנְטְפֶערְן: **"יָא"**. ווִידֶער אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים פָּשׁוּט זָאגְן: **"נֶעם דַיין תְּפִילִין אוּן גֵיי דַאוֶוענֶען"**, וֶועט עֶר עֶס אָנְנֶעמֶען אוּן זִיךְ גְלַייךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען.

פוּן וואוּ קוּמְט דֶער פַּחַד? עֶס קֶען קוּמֶען אָדֶער פוּנֶעם מְחַנֵּךְ וָואס וַוארְפְט אַן אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָדֶער אַמָאל קֶען זַיין אַז דֶער מְחַנֵּךְ אַלֵיין אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דִי עֶלְטֶערְן

פוּנֶעם קִינְד טְשֶׁעפֶּען אוּן צֶעבְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט ווִיסְן; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער. עֶלְטֶערְן קֶענֶען זִיךְ מאכְן בַּא'טַעַמְ'ט פַאר אַנְדֶערֶע, זֵיי קֶענֶען הַאלְטְן דְרָשׁוֹת אוּן זָאגְן פַאר יֶעדְן וָואס פַאר אַ גוּטֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֵיי זֶענֶען, אָבֶּער דֶעם פִּינְקְטְלִיכְן אֱמֶת וֵוייסְן נָאר דִי קִינְדֶער אַלֵיין. אוּן אַמָאל קֶען עֶס קוּמֶען פוּנֶעם קִינְד אַלֵיין, אַז דָאס קִינְד זָאל מוֹרָא הָאבְּן צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת.

אַז מֶען פְרֶעגְט אַ קִינְד: **"דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעדַאוֶונְט?"** וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ עֶנְטְפֶערְן: **"יָא"**, אוּן אֵיין מָאל אַ קִינְד עֶנְטְפֶערְט **"יָא"**, אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם צוּ וַוייזְן פַארְן קִינְד אַז מֶען גְלֵייבְּט אִים נִישְׁט; מֶען אִיז שׁוֹין גֶעבִּינְדְן אָנְצוּנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן אִים גְלֵייבְּן.

דֶערְפַאר אִיז אַלֶעמָאל כְּדַאי מֶען זָאל נִישְׁט 'פְרֶעגְן' דִי קִינְדֶער צִי זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן דָאס וָואס מֶען דַארְף, נָאר מֶען זָאל זֵיי 'זָאגְן': **"טוּ אַזוֹי"** אוּן **"טוּ אַזוֹי"**.

## הֵייסְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע

אִיךְ לֵיין יֶעדֶע נַאכְט 'קְרִיאַת שְׁמַע' מִיט מַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער (גֶעוֶוענְלִיךְ לֵיין אִיךְ פָאר אוּן זֵיי לֵיינֶען כִּמְעַט נִישְׁט מִיט), אָבֶּער דִי גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער לֵיינֶען שׁוֹין קְרִיאַת שְׁמַע אַלֵיין. אִיךְ פְרֶעג זֵיי נִישְׁט: **"הָאסְט שׁוֹין גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע?"** וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז זֵיי וֶועלְן גְלַייךְ עֶנְטְפֶערְן: **"יָא"**, וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָאר יָאר... אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאג אִיךְ: **"גֵיי לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע"**, **"זָאג שְׁמַע יִשְׂרָאֵל..."** אוּן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער פִינְף מִינוּט אוּן אִיךְ זֶע אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעלֵיינְט, זָאג אִיךְ נָאכְאַמָאל: **"לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע"**.

אוֹיבּ אַ קִינְד עֶנְטְפֶערְט מִיר: **"טַאטִי, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֵיינְט"**, זָאג אִיךְ: **"אַ מְחַיֶה!"** אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ וֵוייס אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעלֵיינְט. וַוייל אוֹיבּ אַ קִינְד זָאגְט 'אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע', מוּז מֶען עֶס אָנְנֶעמֶען, כְּדֵי צוּ וַוייזְן פַארְן קִינְד אַז מֶען גֶעטְרוֹיעֶט אִים.

## יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ

אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט אַ קִינְד אַ שְׁאֵלָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: **"דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט?"** אָדֶער: **"דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעדַאוֶונְט?"** אוּן דָאס קִינְד עֶנְטְפֶערְט: **"יָא"**, אוּן מֶען וֵוייסְט קְלָאר בַּיי זִיךְ אַז דָאס קִינְד הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטוּן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם פָארְצוּהַאלְטְן דָאס קִינְד אוּן חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִים: **"וָואס הֵייסְט דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט? דוּ לִיגְנֶער! דוּ הָאסְט דָאךְ נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט!"** אָדֶער **"דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעדַאוֶונְט?! וואוּ הָאסְטוּ גֶעדַאוֶונְט? וֶוען הָאסְטוּ גֶעדַאוֶונְט?"**

אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט סַיי ווִי אַז וֶוען עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן **"יָא"** וֶועסְטוּ אִים נִישְׁט גְלֵייבְּן, פַארְוָואס פְרֶעגְסְטוּ אִים בִּכְלַל?!

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל אַ קִינְד זָאל טוּן, ווִי לְמָשָׁל: זִיךְ וַואשְׁן פַארְן עֶסְן בְּרוֹיט, זִיךְ וַואשְׁן מַיִם אַחֲרוֹנִים, אָדֶער לֶערְנֶען וְכַדוֹמֶה. אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט פָארְאוֹיס אַז מֶען וֶועט אִים נִישְׁט גְלֵייבְּן אוֹיף זַיין **"יָא"**, וָואס אִיז דֶער צִיל פוּנֶעם פְרֶעגְן? פַארְוָואס זָאל מֶען אִים בִּכְלַל פְרֶעגְן?!

עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען בְּלוֹיז זָאגְן פַארְן קִינְד: **"ווִילְסְט בֶּענְטְשְׁן?" "קוּם בֶּענְטְשְׁן"**, **"נֶעם אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן גֵיי בֶּענְטְשׁ"**; **"קוּם דַאוֶוענֶען"**, **"קוּם זִיךְ וַואשְׁן פַארְן עֶסְן בְּרוֹיט"**, **"קוּם זִיךְ וַואשְׁן מַיִם אַחֲרוֹנִים"**, אָדֶער **"קוּם לֶערְנֶען"**.

מִיט דֶעם וָואס מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד: **"דוּ לִיגְנֶער, דוּ הָאסְט עֶס נָאכְנִישְׁט גֶעטוּן"**, וַוייזְט מֶען קְלָאר אַז מֶען גֶעטְרוֹיעֶט אִים נִישְׁט, אִיז עֶס 'יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ' - ווִיפִיל דוּ וֶועסְט דָא פַארְדִינֶען, מַאכְסְטוּ פִיל מֶער חָרוּב.

עֶס קֶען זַיין אַז דוּ וֶועסְט פַארְדִינֶען נָאךְ אַ בֶּענְטְשְׁן אָדֶער נָאךְ אַ דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דָאס קִינְד אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן אִיבֶּערְצֵייגְט אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער מְחַנְכִים גֶעטְרוֹיעֶן אִים נִישְׁט, וָואס דָאס מַאכְט אָן אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן בַּיים קִינְד.

ווִילַאנְג אַ קִינְד שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז זַיין טַאטֶע, זַיין מַאמֶע אוּן זַיינֶע מְחַנְכִים גֶעטְרוֹיעֶן אִים, שְׁטוּפְּט עֶס אִים צוּ גֵיין אוֹיפְן עֶרְלִיכְן וֶועג. עֶר וֶועט זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אוּן זוּכְן וואוּ עֶר קֶען זַיין בֶּעסֶער, וַוייל עֶר טְרַאכְט: 'מֶען הַאלְט דָאךְ פוּן מִיר, פַארְוָואס זָאל אִיךְ דָאס טוּן?' 'מַיין טַאטֶע, מַאמֶע אוּן מְחַנֵךְ הָאבְּן מִיךְ דָאךְ לִיבּ, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זֵיי דָאס טוּן?' אָבֶּער אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁפִּירְט אַז מֶען הַאלְט סַיי ווִי נִישְׁט פוּן אִים, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם סִיבָּה זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן אוּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן גוּט.

לוֹינְט זִיךְ דֶען, צוּלִיבּ אֵיין בֶּענְטְשְׁן אָדֶער אֵיין דַאוֶוענֶען וְכַדוֹמֶה, זִיךְ צוּ פַארְטְשֶׁעפֶּען מִיט אַ קִינְד, אַז עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶט?!

## נִישְׁט צִימְבְּלֶען אַ קִינְד

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. עֶר אִיז שׁוֹין בַּאלְד פִינְף אוּן דְרֵייסִיג יָאר, אָבֶּער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ אַ מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי אַ מְלַמֵד הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט מִיט אִים וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַכְט נַיין יָאר. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט עֶפֶּעס אַ פַּאקְס אוֹיף זַיין מְלַמֵד, אוּן אַ אִינְגְל אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן מְלַמֵד אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פַּאקְס. דֶער מְלַמֵד הָאט אִים צוּגֶערוּפְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ צִימְבְּלֶען: **"פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעמַאכְט דֶעם פַּאקְס?"** עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט. אַ קִינְד אִיז דָאךְ אַ קָטָן; וָואס אִיז דֶער אָפְּטַייטְשׁ פוּן אַ קָטָן? אַז עֶר אִיז נִישְׁט פַארַאנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף וָואס עֶר טוּט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ פַארְוָואס עֶר מַאכְט פַּאקְסְן.

אָבֶּער דֶער מְלַמֵד הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, עֶר הָאט אִים גֶעצִימְבְּלְט אוּן גֶעצִימְבְּלְט: **"פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעמַאכְט?"** דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז הַיינְט אַ בַּעַל-בַּתִּישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וָואס פִירְט גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעוֵויינְט, שְׁפִּירְט עֶר נָאכְאַלְץ ווִי עֶר דַארְף אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען דֶעם וֵוייטָאג.

רִיכְטִיג וָואלְט גֶעוֶוען אַז דֶער מְלַמֵד זָאל צוּרוּפְן דָאס קִינְד אוּן אִים זָאגְן: **"אִיךְ ווִיל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען פַארְן קוּמֶענְדִיגְן מָאל, אַז וֶוען אַ רֶבִּי גֶעבְּט עֶפֶּעס אָדֶער וֶוען אַ רֶבִּי רוּפְט** אֵיינֶעם, מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין פַּאקְסְן". אָבֶּער צִימְבְּלֶען אַ קִינְד קֶען נָאר אָנְמַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ הַרְגָשָׁה אַז דֶער מְלַמֵד הַאלְט נִישְׁט פוּן אִים, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער וַוייטֶער מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין כִּתָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי וַוייזְן אַז מֶען גֶעטְרוֹיעֶט זֵיי אוּן מֶען הַאלְט פוּן זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מֶעג מֶען אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ תַּלְמִידָה דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אִיר מַאמֶע זָאגְט אִיר: "וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט אוֹיפְוַואקְסְן, וָואלְט אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבוֹירְן". אִיךְ הָאבּ אִין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעקְלֶערְט אַז אַ מַאמֶע קֶען דָאס זָאגְן פַאר אַ קִינְד.

זִי זָאגְט זִי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְרָאכְן. זִי הֶערְט אַזוֹיפִיל שִׁיעוּרִים אוּן אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אִיר כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיר מַאמֶע זָאגְט אִיר: "בִּיסְט טַאקֶע זֵייעֶר ווּאוֹיל לֶעצְטְנְס, אָבֶער אִיךְ בִּין וַוייט נִישְׁט צוּפְרִידְן"; זִי דֶערְצֵיילְט אַז זִי אִיז אַרַיין אִין צִימֶער אוּן גֶעוֵויינְט.

זִי זָאגְט אַז אֵיין זַאךְ הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אַז זִי קֶען עֶס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אִיךְ מֵיין צוּ זַיין גוּט, אוּן עֶבְּט בִּין אִיךְ ווּאוֹיל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳ (בְּהַעֲלוֹתְךָ בא"י), י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶס אִיז אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ הֶערְן דִי סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת, וִוי עֶלְטֶערְן קְלַאפְּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען קֶען עֶס נִישְׁט פַארְהֵיילְן, דִי וֶוערְטֶער שֶׁעדִיגְן דִי קִינְדֶער אוּן עֶס בַּאגְלֵייט זֵיי אוּן עֶס מַאכְט זֵיי שְׁלֶעכְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זַייט מְחַזֵּק דִי תַּלְמִידָה זִי זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן, זִי זָאל טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען זִי דַארְף טוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאל זִי טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ טוּ עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע׳; דָאס וֶועט אִיר הֶעלְפְן קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה, זִי וֶועט נִישְׁט שְׁוַאךְ וֶוערְן פוּן נָאכְגֵיין אִירֶע גֶעפִילְן וְכוּ׳.

דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי זָאגְט, אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְהַאלְט אִיר – דָאס דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אַייךְ, אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער, מֶען זָאלְן רֶעדְן אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אַ אִיד, אוּן אַז קֵיינֶער וִויל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִיר, דִי וֶועלְט הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן, דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דִיךְ פַארְטְרִיבְן, דִי חֲבֵרִים הָאבְּן דִיךְ בַּאגְרָאבְן, אוּן דַיינֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער וִוילְן מִיט דִיר נִישְׁט הָאבְּן – אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, עֶר אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אוּן נֶעבְּן דִיר; רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע זַאךְ; אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען פוּן וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט צוּ אוּנְז גֶערֶעדְט אַלֶע יָארְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן, מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז מִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי זִיכֶער מִיט זִיךְ, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ מַלְאָכִים וֶועלְן מִיר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין, אוּן דִי צַדִּיקִים וֶועלְן מִיךְ פַארְטְרַייבְּן – זָאל מֶען וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבּ אִיךְ, אוּן מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שְׁרֶעקְעדִיגֶע חָלוֹם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צא), וִוי אַלֶע הָאבְּן אִים אָפְּגֶעלָאזְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אוּן אוֹיךְ אִין יֶענֶע פְרֶעמְדֶע לַאנְד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען אַז עֶר דַארְף זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד.

אַזוֹי זִיצְנְדִיג אִין וַואלְד קוּמְט צוּ צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד אוּן הֵייבְּט אִים אָן גֶעבְּן מוּסָר: "הֲיִתָּכֵן, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? אַזוֹי פִּירְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ?! שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן דַיינֶע זֵיידֶעס, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער אוּן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט פוּן תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב?! וָואס מֵיינְסְטוּ, דוּ וֶועסְט דֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן דָא אִין וַואלְד אֵיינֶער אַלֵיין? דַיין גֶעלְט וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין שְׁוַואךְ"; דֶער עֶלְטֶערֶער אִיד הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בַּאזִידְלֶען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דוּ וֶועסְט פוּן דָא אוֹיךְ מוּזְן אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דָארְט וואוּ דוּ וֶועסְט אַנְטְלוֹיפְן וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מוּזְן בַּאהַאלְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט", זָאגְט דִי נְשָׁמָה: דוּ מֵיינְסְט דוּ וֶועסְט הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט? "אֲפִילוּ בְּגֵיהִנּוֹם לֹא יִהְיֶה לְךָ מָקוֹם לְהִטָּמֵן שָׁם כִּי עָשִׂיתָ חֵטְא כָּזֶה", אֲפִילוּ אִין גֵיהִנּוֹם וֶועסְטוּ זִיךְ מוּזְן פַארְשְׁטֶעקְן פַאר אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי: "לֶךְ לְךָ", גֵיי דִיר אַוֶועק, גֵיי דִיר אַוֶועק, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ וֶועסְט מִיךְ טְרֵייסְטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיין הַארְץ, יֶעצְט אַז דוּ מַאכְסְט מִיר יְסוּרִים, גֵיי גֵיי גֵיי; דָאס אִיז דֶער לִימּוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז: ׳אִיךְ זָאל זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן׳, אוּן דָאס דַארְפְן מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך, שנת תשפ"ו)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876